# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת לך לך

## געדענקען שטענדיג דעם באשעפער

**פרנס השבוע**

לע"נ

האשה החשובה מרת **בראנדל ב"ר צבי הלוי** ע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn Ny 11219

# פרשת לך לך
שנה ג׳

# געדענקען שטענדיג דעם באשעפער

תוכן:

חלק א. דער אומקער פונעם מלחמה העלד
חלק ב. איין קעניג
חלק ג. דער קעניג קומט ערשט

## חלק א. דער אומקער פונעם מלחמה העלד

ווען אברהם אבינו איז ארויס אין מלחמה צו ראטעווען זיין פלומעניק לוט, איז עס געווען די מערקווירדיגסטער מיליטערישער קאמפיין. מיט א קליינער צאל פון בלויז עטליכע הונדערט מאן איז ער ארויס אין א שלאכט קעגן א פעסטע פאראייניגונג פון פיר מעכטיגע קעניגן וועלכע האבן אינוואדירט אין ארץ כנען און איינגענומען איין שטאט נאכ'ן צווייטן מיט אויסערגעווענליכע נצחונות!

צום וואונדער פון אלעמען, דאגעגן, האט אברהם אבינו געפירט א קריג קעגן זיי ווי א געלונגענער גענעראל. ער האט נישט געהאט מיט זיך קיין גרויסע ארמיי אבער ער איז געווען ווי א בראווער און קלוגער מיליטערישער פלאנירער וואס האט געפירט זיין קליינע גרופע סאלדאטן פיל מייל נאכיאגנדיג די פיינט פון דרום ארויף צו דן וואס איז אין צפון פון ארץ כנען; ער האט זיי אפילו נאכגעיאגט ביז אריין קיין סיריע נעבן דמשק, באזיגנדיג זיי ביי יעדן שלאכט.

אלזא קענען מיר זיך פארשטעלן וואס עס איז געווען דער גייסט וואס האט געשוועבט אין לאנד כנען ווען זיי האבן געהערט אז אברהם קערט זיך צוריק פון די מלחמה.

איך געדענק נאך ווען דער גענעראל פערשינג איז צוריקגעקומען פון פראנקרייך. עס איז געווען א לאנגע צייט צוריק אבער איך קען נישט פארגעסן די אויפגעהייטערטקייט וואס האט געשוועבט אין די אטמאספער. מענטשן זענען געשטאנען אויסגע'שורה'ט אין די גאסן און אים באשאטן מיט בלומען בשעת ער איז פארבייגעגאנגען; זיי זענען געווען אזוי פרייליך, זיי האבן נישט געוואוסט וואס אלץ צו טון פאר אים.

אזוי קענען מיר זיך פארשטעלן די סצענע; אברהם מיט זיין קליינער צאל באגלייטער האבן באזיגט די מאכטפולע ארמיי און אט ברענגען זיי אהיים זייערע גענעראלן און פארמעגנס — דאס גאנצע רויב

וואס די קעניגן האבן געהאט געגומען. כ'ווייס נישט אויב די מאסן האבן אים באשאטן מיט בלומען אבער עס האט זיכער געהערשט א געוואלדיגע אויפגעהייטערטקייט לענגאויס דעם גאנצן וועג בשעת די מענטשן זענען ארויסגעקומען צו באגריסן אברהם. אט קומט דער רעטער, דער העלד פונעם טאג!

די תורה דערציילט אונז נישט די פרטים ארום דעם ווייל זיי זענען נישט וויכטיג; מיר דארפן נישט וויסן דאס אז אברהם אבינו איז געווען א מלחמה העלד וואס איז פארגעטערט געווארן דורך די מאסן. אבער עס איז געווען איין אינצידענט וואס האט פאסירט אויף זיין וועג צוריק וואס דאס דערציילט אונז יא די תורה ווייל עס איז געווען עפעס וואס האט געמאכט א חילוק אין די געשיכטע פון אידישן פאלק. **וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וְהוּא כֹהֵן לְקֵל עֶלְיוֹן.** צווישן די וועלכע זענען ארויסגעקומען באגריסן אברהם איז געווען מלכי צדק; דאס איז געווען שם, דער עלטער עלטער זיידע פון אברהם.

שם איז געווען א גרויסער צדיק; איינער פון די גרעסטע מענטשן וואס זענען אמאל געווען אויף די וועלט. ער איז געווען אזוי גרויס אז די גמרא (נדרים לב:) זאגט אז **בִּקֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְהוֹצִיא כְּהֻנָּה מִשֵּׁם** – דעם באשעפער'ס כוונה איז געווען צו מאכן דאס פאלק פון כהנים פון שם. מיר וויסן היינט, דאגעגן, אז נאר די בני ישראל זענען אויסדערוועלט געווארן צו זיין די ממלכת כהנים, אבער די גמרא זאגט אונז דא אז דער אריגינעלער פלאן איז געווען אז דאס פאלק פון עובדי ה' האט געדארפט באשטיין פון שם'ס אלע אפשטאמיגע.

און דאס איז וואס מיר זעען אין חומש ווען נח האט געזאגט פאר זיינע זין נאך דער מבול א ברכה בנבואה; אויך יפת וועט זיין גרויס, האט נח געזאגט: **יַפְתְּ אֱלֹקִים לְיֶפֶת** – דער באשעפער וועט אויסברייטערן פאר יפת; זיינע אפשטאמיגע וועלן זיך אויסשפרייטן איבעראל. יפת, ווייסן מיר, האט זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ אייראפע און לענגאויס אינדיע. אפילו היינט איז די ווייסע ראסע דער שפיץ פון די מענטשהייט. דורך יפת, דורך די גריכן, זענען ערצייגט געווארן אלע דערגרייכונגען אין טעכנאלאגיע און נאטור וויסנשאפט און ליטעראטור. דער פאראויס מארש צו פארגעשריטנקייט און מאכט אויף די וועלט איז פון שטענדיג געלעגן אין זייערע הענט ביז צום היינטיגן טאג.

אלזא, דאס אז יפת וועט איינגעמען די וועלט, איז טאקע מקוים געווארן; אבער דאך איז דאס בלויז געווען ווי א טרייסטונג מתנה. ווייל ווען נח האט זיך געקערט צו זיין חשוב'סטער זון, שם, האט ער פאר אים פאראויסגעזאגט אז פון אים וועט ארויסקומען דאס אויסדערוועלטע פאלק פון די גאנצע מענטשהייט. **יַפְתְּ אֱלֹקִים לְיֶפֶת** – יא, דער באשעפער וועט מאכן יפת זאל מצליח זיין אויף די וועלט, אבער **וְיִשְׁכֹּן** – וואו וועט דער באשעפער מאכן זיין שכינה רוען? **וְיִשְׁכֹּן בְּאָהֳלֵי שֵׁם** – ער וועט רוען בלויז אין די געצעלטן פון שם.

און באלד ווי שם איז ארויסגעקומען פון די תיבה נאכ'ן מבול און באקומען די ברכה בנבואה, האט ער זיך גענומען צו די עבודה ווייל ער האט געוואוסט אז ער דארף ארבעטן אויף זיך צו זיין ווערד אז דאס זאל מקוים ווערן. שם איז געווען אן אויסערגעוועגליכער ענערגישער מענטש אנגעפילט מיט התלהבות צו בויען א נייער סארט סיוויליזאציע אויף די וועלט; אנשטאט וואס עס איז געווען **מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס** (בראשית ו:יג), א וועלט אנגעפילט מיט אומרעכט צווישן מענטשן, האט ער געוואלט גרינדן א סיוויליזאציע פון גערעכטיגקייט צווישן מענטשן און שלימות אין מידות.

אזוי איז ער געווארן פארנומען צו מאכן **אָהֳלֵי שֵׁם**, געצעלטן פון שם; דאס מיינט אהלי תורה, פלעצער וואו צו לערנען תורה. און כאטש וואס מיר הערן נישט קיין סאך פון אים – באלד וועלן מיר זען פארוואס נישט – האט ער אויפגעטון עטליכע געוואלדיגע זאכן. אט אזוי איז שלם, דער ארגינעלער ירושלים, צושטאנד געקומען.

איינע פון שם'ס גרעסטע אויפטואונגען איז געווען צו אויפשטעלן א שטאט געשטעלט אויף יסודות פון ערליכקייט, א שטאט וואס ער האט געהאפט אז דאס וועט זיין א שלימות'דיגע שטאט; א סימבאל פאר די גאנצע מענטשהייט. ער האט א נאמען געגעבן פאר די שטאט שלם, פון לשון שלימות, דאס זאל זיין אן ארט צו לערנען דעם דרך צו צוקומען צו שלימות.

שם איז געווען דער פאטער פון די שטאט – עס איז געווען א פאמיליע שטאט; זיינע קינדער און אייניקלעך וואס האבן זיך דארט פארמערט – איז ער גערופן געווארן מלכי צדק, דער קעניג פון רעכטפארטיגקייט. עס איז געווען א הייליגע באפעלקערונג פון עובדי ה' ווייל דאס איז געווען דער לעבנס ציל פון מלכי צדק – צו אויפשטעלן א שטאט וואו יעדער זאל לעבן אויף זייער א הויכע מדריגה פון צדק און ישרות און יראת ה', און אזוי צוברענגען עס זאל מקוים ווערן די נבואה פון זיין טאטן נח.

אצינד פארשטייען מיר כאטש אביסל ווער עס איז געווען דער וואס איז ארויסגעקומען צו באגריסן אברהם. דארט ווערט ער באטיטלט **כֹּהֵן לְקֵל עֶלְיוֹן**, דער כהן וואס האט געדינט דעם אלמעכטיגער. די תורה געבט אים סמיכה מיט אט די דריי ווערטער – דאס איז דעם באשעפער'ס באשטעטיגונג, וואס דערפון פארשטייען מיר שוין אז ער איז געווען אן אויסערגעוויינליכע פערזענליכקייט.

און דאך באצייכנט די גמרא (נדרים לב:) אן אינטערעסאנטע באמערקונג אויף דעם טיטל וואס די תורה געבט אים: מלכי צדק איז ארויסגעקומען צו באגריסן אברהם, **וְהוּא כֹהֵן לְקֵל עֶלְיוֹן** – און ער איז געווען דער כהן וואס האט געדינט דער אלמעכטיגער; דאס מיינט בלויז אים. הוא כהן ואין זרעו כהן – יא, ער איז געווען א כהן אין דינסט פון באשעפער אבער נאר ער. דאגעגן זיינע קינדער און אייניקלעך וועלן נישט זיין קיין כהנים. דאס ווארט הוא מיינט אז דער באשעפער נעמט עפעס אוועק פון אים. הוא ולא זרעו – דיינע קינדער קענען נישט זיין דאס אויסדערוועלטע פאלק צו דינען דעם באשעפער. אין יענער מאמענט ווען מלכי צדק איז ארויסגעקומען צו באגריסן אברהם, האט די פאמיליע פון שם פארלוירן זייער זכות אויף אייביג.

וואס האט פאסירט אין דעם גורל'דיגן טאג אין עמק שווה, אין דעם טאל אינדרויסן פון די שטאט סדום? וואס איז דארט געווען דער פראבלעם? איז הערט די מעשה: ווען מלכי צדק, אברהם'ס עלטער זיידע, איז ארויסגעקומען צו באגריסן דער זיגרייכער אברהם, האט ער מיטגעברענגט קרבנות פון ברויט און וויין און קעגן אלעמען'ס אויגן, האט דער אלטער פאטער אויפגעהויבן זיין האנט און געזאגט א ברכה; און עס איז געווען אט די ברכה וואס האט אים געשאדט.

אט איז וואס ער האט געזאגט: "**בָּרוּךְ אַבְרָם לְקֵל עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ** – געבענטשט איז אברהם צו דער געהויבענער באשעפער וואס האט באשאפן הימל און ערד." א ערליכע ברכה! ביז צום היינטיגן טאג זאגן מיר נאך די ווערטער. **קל עליון** – דער מעכטיגער וואס איז דער העכסטער. מיר האבן זיך געלערנט דעם אויסדרוק פון **מלכי צדק** – אויף וויפיל מיר ווייסן איז ער געווען דער ערשטער וואס האט געזאגט די ווערטער. און **קונה שמים וארץ** – דער וואס האט באשאפן און איז בעל הבית איבער אלעמען. אויך מיט די ווערטער באניצן מיר זיך; מיר חזר'ן עס נאכאנאנד איבער; הערליכע רייד! און דאך, צוליב אט די ווערטער האט מלכי צדק דערלייגט.

וואס האט פאסירט? מלכי צדק האט געבענטשט אברהם און דערנאך האט ער פארגעזעצט מיט נאך א פסוק: **בָּרוּךְ קֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר מִגֵּן צָרֶיךָ בְּיָדֶךָ** – געבענטשט איז דער קל עליון וואס האט איבערגעגעבן דיינע פיינט אין דיינע הענט; און חז"ל זאגן אז דער סדר פון די צוויי פסוקים איז געווען זיין חטא. מעגליך איר ווערט פארוואונדערט פון אזא אויסדרוק; איר זעט נישט וואס איז דא דער גרויסער חטא – און דער אמת איז אז מיר זעען נישט דערין קיין שום זינד בכלל! אבער דאך לערנען

מיר אז ס'איז געווען אזא גרויסער פעלער אז דאס האט גורם געווען פאר מלכי צדק צו פארלירן זיין זכות צו זיין דער פאטער פון די כהנים לקל עליון.

וואס האט פאסירט אזוי שלעכט? מלכי צדק איז געווען אזוי איבערגענומען פון דאס געוואלדיגע גדלות פון אברהם אבינו, אז ער האט זיך פארלוירן. ער האט געבענטשט אברהם איידער ער האט געבענטשט דעם באשעפער! ברוך אברהם, און דערנאך ברוך קל עליון.

למעשה, ער האט זיך נישט ממש פארלוירן ווייל אפילו ווען ער האט געבענטשט אברהם האט ער דערמאנט דעם באשעפער. ער האט געזאגט, "געלויבט איז אברהם צו דער באשעפער וואס איז דער העכסטער." ער האט דערמאנט דער איבערשטן פון אויבן! אבער ער האט צוערשט געבענטשט אברהם! ריכטיג, ער האט זיך באלד געכאפט און געזאגט, "**וּבָרוּךְ קֵל עֶלְיוֹן** – געבענטשט איז דער באשעפער פון אויבן." אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. א מענטש וואס פארגעסט פון דעם קל עליון, פון דעם גרעסטן כח, אפילו בלויז אויף א רגע, דערלייגט זיין זכות צו זיין דער שטאם פאטער פון דער עם ה'! דאס אויסדערוועלטע פאלק מוז האבן דעם באשעפער אין שפיץ פון זייערע מחשבות שטענדיג.

דאס מיינט אז אפילו ווען דו רעדסט צום גרעסטן צדיק; לאמיר זאגן דו גייסט ארויס צו באגריסן דעם גרעסטן ראש ישיבה און דו זינגסט און טאנצט ארום אים, אויב אויף א רגע פארגעסטו איבער ווערמען דו טאנצט באמת און דו מיינסט אז דו טאנצט איבער דעם צדיק, דאן דערלייגסטו! אויב דו ווערסט אנטציקט פון זיין גדלות, דו ווערסט איבערגענומען דורך דעם גרויסן מענטשן און אויף א מאמענט פארגעסטו פון באשעפער, מיינט אז עפעס טויג נישט.

און דאס איז דער פעלער וואס מלכי צדק איז באגאנגען אין יענעם טאג; אויף א מאמענט האט ער זיך פארלוירן און געלייגט אברהם צוערשט. עס איז בלויז געווען אויף א מאמענט – ער האט זיך גלייך געכאפט, אבער פאר דער וואס וויל זיין דער פאטער פונעם עם ה', איז עס נישט גענוג גוט.

דאגעגן אברהם, ער איז דער סימבאל פאר א פאלק וואס פארגעסט קיינמאל נישט פון באשעפער; אברהם האט נישט פארגעסן אויף קיין רגע! דאס איז וואס די גמרא ברענגט, אז אברהם האט געזאגט, **וְכִי מַקְדִּימִין בִּרְכַּת עֶבֶד לְבִרְכַּת קוֹנוֹ** – "איז עס ריכטיג צו זאגן צוערשט א ברכה פאר א קנעכט איידער די ברכה פאר זיין האר?!" אברהם האט עס נישט אדורכגעלאזט; ער האט נישט געקענט! "איז עס ריכטיג צו בענטשן א בשר ודם, איידער מען בענטשט דעם אלמעכטיגן?"

דאס איז געווען די גדלות פון אברהם; ער האט קיינמאל נישט מסיח דעת געווען פון באשעפער! אויב איינער וואלט אונז געפרעגט, "וואס איז געווען די גדלות פון אברהם אבינו?" וואלטן מיר געמיינט אז מיר ווייסן. מיר וואלטן געזאגט, "קוק, די עשרה נסיונות. ער איז בייגעשטאנען צען שווערע פרוואוונגען! אברהם האט געטון הערואישע מעשים!"

דער אמת איז אז דאס איז ריכטיג – נישטא קיין ספק אז דאס אלעס זענען געווען געוואלדיגע זאכן, אברהם האט אדורכגעמאכט אויסטערלישע נסיונות **וּמָצָאתָ אֶת לְבָבוֹ נֶאֱמָן לְפָנֶיךָ** – דער באשעפער האט געפונען זיין הארץ באגלייבט צו אים. זייער גוט! געוואלדיג!

אבער עס איז דא נאך א גרעסערע זאך. לאמיר זען וואס דער רמב"ם זאגט אין מורה נבוכים (ג:נא): הערט גוט אויס ווייל עס איז עפעס וואס פיל מענטשן ווייסן נישט. "איך מיין," זאגט דער רמב"ם, "אז די אבות זענען געשטאנען פאר'ן באשעפער אן קיין היסח הדעת אלע שעות וואס זיי זענען געווען

אויף דער וואך.״ דאס איז געווען די גרויסקייט פון די אבות! אלע זייערע שעות אויף דער וואך, האבן זיי נישט פארגעסן אויף קיין מאמענט אז אלעס וואס זיי טוען איז בלויז צו דינען דעם באשעפער.

סיי וואס אברהם האט געטון; סיי ווען ער האט געפאשעט די שאף אדער זיך באשעפטיגט מיט זיינע עסקים, צי ער האט געהאנדלט אדער געפירט מלחמה, האט ער קיינמאל נישט פארגעסן פון באשעפער!

דאס איז דער געוואלדיגער נסיון אויף די וועלט — זיך נישט צו פארלירן; קיינמאל נישט צו פארגעסן אז דער באשעפער געהער ביים שפיץ פון אונזער מח ביי אלעם וואס מיר טוען, קיינמאל נישט צו פארגעסן פון אים, נישט קיין חילוק וואס! דאס איז איינע פון די גרעסטע נסיונות אין עולם הזה.

ווי מיר זעען, איז דאס וואס דער באשעפער האט אינזין געהאט — דאס איז געווען א טייל פון דער גאנצער פלאן; די מלחמה מיט די קעניגן פון צפון און אברהם׳ס זיגרייכער אהיימקער און דער קבלת פנים ווען אלע מענטשן זענען ארויסגעגאנגען אים צו באגריסן — אלעס איז געווען כדי צו פרואוון מלכי צדק און אברהם.

אודאי זענען געווען נאך כוונות וואס דער באשעפער האט געהאט דערביי, אבער דער עיקר איז געווען אלס נסיון — צי וועט מלכי צדק זיך פארלירן דורך די גרויסקייט פון א בשר ודם? און צי וועט אברהם אויפכאפן דעם טעות און זיך פירן ריכטיג? ווייל דאס איז דער עיקר נסיון אויף יעדן וואס וויל זיין גרויס אויף די וועלט — צי וועסטו זיך פארלירן אין אנוועזנהייט פון אנדערע, פארשלעפט ווערן דורך זאכן ארום, און פארגעסן אז דער באשעפער קומט אלעמאל ערשט?

# חלק ב. איין קעניג

דער אמת איז, עס איז אינגאנצן נישט קיין וואונדער פארוואס מלכי צדק איז געווארן אזוי איבערגענומען פון אברהם אבינו. ווי אזוי קענען מיר אים באשולדיגן פאר׳ן ווערן פארבלענדט פון די גרויסקייט פון אברהם? איך גלייב נישט אז מיר קענען ביישטיין אזא נסיון. אפילו צווישן די גויים איז ער געווען א העכסט געשעצטער מענטש. עס ווערט געברענגט אז די מענטשן האבן אים געזאגט, **נְשִׂיא אֱלֹקִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ** — ״דו ביסט א הער פון באשעפער צווישן אונז.״ זיי האבן אים שטארק גערימט. אזוי האבן זיי געפילט איבער אים; צווישן אונז איז ער א פרינץ פון באשעפער; נישט סתם א פרינץ — א פרינץ וואס איז אנערקענט ביים באשעפער.

אברהם איז אויך געווען א גרויסער עושר. **וְאַבְרָם כָּבֵד מְאֹד** — ער איז געווען אנגעלאדנט מיט פארמעגן. נישט סתם אנגעלאדנט, נאר מאד — ער האט געהאט שווערע פארמעגנס. אויך איז ער געווען זייער א געלערנטער. דער רמב״ם אין הלכות עבודה זרה, גאנץ אין אנהייב, ברענגט אז אברהם אבינו האט געשריבן ספרים וואס מען האט געלערנט. אויך יוסיפין דערמאנט דאס פון פארצייטישע ווערק פון דער פארשער בערויסאס פון אקאדיען (אלט בבל), אז אברהם איז געווען איינע פון די געלערנסטע מענטשן פון אמאל. בערויסאס זאגט אז ווען אברהם איז אראפגעגאנגען קיין מצרים, איז ער געווען דער וואס האט אויסגעלערנט מאטעמאטיק און אסטראנאמיע פאר די מצרי׳שע גלחים. דאס איז אונזער איינציגסטער באריכט פון צווישן די גויים אויף אברהם.

אז אברהם איז געווען אזא חכם, איז פארשטענדליך אז ער האט געצויגן צו זיך מענטשן. ווי עס שטייט, **חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו** – א מענטש'ס חכמה שיינט ארויס פון זיין פנים. דערפאר איז זיכער אז ווער עס האט געקוקט אויף אברהם האט נישט געקענט אראפנעמען די אויגן פון אים, מען האט געקוקט און געקוקט זיך צו אנזעטיגן פון זיין קדושה און איידלקייט וואס האט געשיינט פון זיין צורה.

איז לאמיר זיך פראבירן צו פארשטעלן וואס איז דא פארגעגאנגען. אט קומט א מענטש וואס ווערט באטראכט דורך זיינע ארומיגע ווי א פרינץ; ער איז רייך און קלוג און א לערער פאר די מאסן; א געהויבענע פערזענליכקייט. בפרט יעצט ווען ער קערט זיך צוריק אלס א העלד וואס האט געראטעוועט די מענטשן פון כנען; און ער האט עס געטון כמעט אן קיין שום ארמיי וואס זאל אים העלפן. און אזוי זענען אלע קעניגן געשטאנען פאר אים פול מיט לויב; זיי האבן זיך געביקט צו אים און אויסגעדריקט ווי שטארק זיי זענען דאנקבאר אויף דאס וואס ער האט געטון מיט זיי און ווי ווייט זיי שעצן זיין הערואישקייט.

שטעלט זיך פאר דער סאטמאר רבי קומט צוריק קיין אמעריקע נאך א לאנגער באזוך קיין ארץ ישראל. ווער וועט זיין ביים בארטן אים צו באגריסן? יעדער! מען וואלט זיך נישט געקענט דורכשטופן די מאסן. אבער לאמיר זאגן ער וואלט געווען נישט נאר סאטמאר רבי, דער זעלבער פערזאן וואלט געווען אויך דער גרעסטער ראש ישיבה. דאן וואלטן נישט נאר די סאטמאר'ע חסידים געווען דארט אים צו באגריסן, נאר אויך די גאנצע מירער ישיבה און לעיקוואוד און אלע אנדערע ישיבות וואלטן דארט געווען.

יעצט שטעלט זיך פאר אויב צו די אלע מעלות, וואלט דער חסיד'ישער רבי און ראש ישיבה אויך געווען דער רייכסטער מענטש אין די וועלט און אויך איינער פון די געלערנסטער מענטשן אין וועלטליכע וויסנשאפט. און שטעלט זיך פאר אצינד אז ער קומט נישט סתם צוריק פון א באזוך פונדערוייטנס – ער קומט צוריק מיט א געוואלדיגער זיג אין א פראיעקט. שטעלט זיך דאס פאר! יעדער אנדערש וואלט אויך דארט געווען; פון אלע עקן וואלט מען געקומען אים צו באגריסן.

און דאס איז נישט בלויז א פאנטאזיע, ווייל אברהם אבינו האט אייגנטליך פארמאגט די אלע מעלות; ער האט געהאט אלעס אינאיינעם. און דערפאר איז עס געווען א זעלטענע סענזאציע ווען אברהם האט זיך צוריקגעקערט צו ארץ כנען.

און דאס איז געווען א נסיון פאר מלכי צדק. צו גערענקען דעם באשעפער בשעת דער שווערסטער נסיון, דאס איז וואס מאכט א מענטש גרויס.

אייגנטליך איז דאס א נסיון וואס באגלייט אונז דורכאויס אונזער גאנץ לעבן. דער באשעפער טוט אונז נאכאנאנד פרואוון אין דעם זעלבן וועג ווי ער האט געפרואווט מלכי צדק און אברהם; און כאטש עס ווערט נישט באשריבן אין די תורה, איז דא נאך א תורה וואס ווערט יעצט געשריבן, וואו אלע פאסירונגען אין אונזערע לעבנס ווערן פארשריבן אויף אייביג. און דער גרעסטער נסיון איז דאס: צי וועסטו פארגעסן פון באשעפער אין אנוועזנהייט פון מענטשן? צי וועסטו לייגן א בשר ודם פריער ווי דעם באשעפער?

אצינד לאמיר זען וואס די חכמים זאגן איבער די נושא. אין פרקי אבות (א:י) זאגט די משנה אזוי: **אַל תִּתְוַדַּע לָרָשׁוּת** – זאלסט זיך נישט מאכן באקאנט ביי די הערשאפט. דאס מיינט, ווער נישט צו נאנט צום קעניג; מאך זיך נישט צו היימיש מיט די פאליטיקאנטן, מיט גרויסע מאכערס אין די רעגירונג.

דער רמב"ם אין זיין פירוש אויף משניות ערקלערט אז ווען א מענטש ווערט צו נאנט צו א קעניג

ווערט ער היפנאטיזירט; ער קען דאס נישט העלפן. און דאס איז זייער א געפארפולע פאזיציע צו זיין דערין ווייל ווען א מענטש ווערט צו וויכטיג ביי דיר אין קאפ קענסטו גרינג פארגעסן פון באשעפער. און דאס קען דיר צוברענגען צו טון זאכן צו צופרידנשטעלן דעם קעניג, וואס וועט נישט געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער.

"צי זעט איר נישט וואס עס האט פאסירט צו דואג האדומי ווען ער איז געווארן צו נאנט צו שאול המלך?!" פרעגט דער רמב"ם. ווען שאול האט חושד געווען אז דוד פלאנירט אן אקט קעגן אים האט ער געפרעגט פון זיינע ארומיגע, "צי האט קיינער נישט קיין רחמנות מיר צו העלפן?" און ווייל דואג האט געוואלט ווייזן פאר'ן קעניג אז ער סימפאטיזירט מיט אים, האט ער אנגעהויבן צו זאגן פאר שאול זאכן אויף דוד און דערביי אויפגעפלאקערט די שנאה פון שאול צו דוד.

דואג האט זיך ערלויבט צו פארגעסן פון באשעפער ווען ער איז געשטאנען פאר א חשוב'ער בשר ודם. און דאס איז א געפערליכע עוולה, ווייל כאטש וואס שאול איז אויסגעקליבן געווארן דורך דעם אלמעכטיגן אליין און עס איז געווען א מצוה צו האבן פאר אים כבוד און מורא, איז דאס בלויז ווייל דער באשעפער האט געזאגט אז עס איז א מצוה. און דאס איז געווען זיין גרויסן טעות. ווייל אויב עס ווערט געטון אויפ'ן נישט ריכטיגן וועג – ווי ביי שאול'ס קאמפיין קעגן דוד – דאן איז עס מער נישט קיין מצוה. אצינד דינסטו צו א צווייטן און נישט צום באשעפער.

און וואס האט פאסירט צו דואג צוליב דעם? ער האט פארלוירן! פונקט ווי מלכי צדק האט דערלייגט זיין זכות צו זיין דער שטאם פאטער פונעם עם ישראל, האט דואג פארלוירן זיין חלק אין עולם הבא! (סנהדרין צ.) זיי האבןביידע פארלוירן צוליב דעם וואס זיי האבן פארגעסן פון באשעפער ווען זיי זענען געשטאנען פאר א בשר ודם. דאס איז געווען זייער ירידה.

דערפאר ווארנט אונז דער רמב"ם, "זאלסט נישט זיין ווי דואג!" ווער נישט פארלוירן קעגן קיינעם אויסער דעם באשעפער. שאול איז געווען א גרויסער צדיק, א געוואלדיגער עובד ה', אבער ווער נישט פאר'כישוף'ט אין קיין שום פערזענליכקייט – אפילו דער גרעסטער צדיק! דאס איז א חידוש, נישט אזוי? איר טראכט אז פאר א צדיק זענט איר בטל. קעגן א צדיק טוט דיין מח געגצליך קאפוטילירן! אה ניין! אפילו ווען דו רעדסט צו דעם גרעסטן צדיק, ביסטו נאך אלץ פארפליכטעט צום באשעפער. דו ביסט פארפליכטעט בלויז צו אים.

אלזא, לאמיר זאגן דו ביסט א תלמיד פון א רבי – די ערשטע זאך דארף מען וויסן אז דיין רבי איז חשוב נאר ווייל דער באשעפער האט אים געמאכט חשוב. ווער נישט פארלוירן! אלזא, אויב זענט איר חסידים, וועט איר דארפן אויסהאלטן א מינוט ווייל איך וועל אפשר טשעפן אייערע געפילן. עס איז דא א יסודות'דיגע שוואכקייט ביי אלע חסידים, וואס די שוואכקייט איז, "מיין רבי!"

פאר דער אויפשטייג פון חסידות, האבן אלע אידן געזאגט "מיין באשעפער!" און דאס איז עס. אזוי דארף עס צו זיין. אבער ווען דער בעל שם טוב האט געזען אז אסאך אידן האבן דאס אויפגעהערט צו זאגן, האט ער געזאגט אז עס איז בעסער צו זאגן "מיין רבי" ווי גארנישט צו זאגן. ווייל אויב מ'וועט געננוג לאנג זאגן "מיין רבי" דאן מיט די צייט וועט מען שוין אויך זאגן "מיין באשעפער".

אבער דאס דארף מען אלעמאל געדענקען אז אפגעזען ווי חשוב דער רבי איז, איז ער בלויז א לייטער פאר דיר ארויפצוקריכן און דערגרייכן צום באשעפער; נאר ווען דו ווייסט אז ער איז א לייטער, וועט ער דיר קענען פירן צו הצלחה. אבער ווען מענטשן לעבן מיט א בלינדע געטריישאפט – דאס מיינט דורך נישט טראכטן פון באשעפער צוערשט – קען דאס ווערן דער גורם צו גרויסע פראבלעמען;

זייער אסאך פשוט'ע אידן זענען קיינמאל נישט ארויף העכער פון דער 'מיין רבי' שטאפל. זיי פארגעסן אז דער רבי איז נאר א וועג צו אנקומען צום באשעפער און דאן ווערט עס א מציאות פון 'מיין רבי' קעגן 'דיין רבי', און זיי שטעכן זיך אויס איינער דעם צווייטנ'ס אויגן.

מען דארף אלעמאל האלטן אין געדאנק אז דער רבי איז בלויז א לייטער – דער רבי איז דא נאר דיר צו מאכן גרינגער צו דערגרייכן צום באשעפער. אבער אויב א מענטש שטייט בלויז אויף דעם לייטער און גייט נישט ארויף צו דערגרייכן צו די פאליצע, דאן זאגן מיר אים, "צו וואס שטייסטו דארט?!" עס זענען דא אסאך מענטשן וואס שטייען אויף לייטערס און זיי שרייען איינער צום צווייטן. דער זאגט, "מיין לייטער איז בעסער," און דער אנדערער זאגט, "מיין לייטער איז בעסער ווי דיינס." דאן זאגן מיר אים, "הייב שוין אן צו גיין! גיי ארויף העכער!"

איינמאל דו פארשטייסט אז דו קריכסט ארויף אויף א לייטער, דאן ווערן אלע רבי'ס "מיין רבי". אלע רבי'ס! דער סאטמאר'ער רבי! אהן! זאל ער לאנג לעבן! ער איז א וואונדערבארער מענטש. א גרויסער גענעראל וואס האט אויפגעטון פאר אונז אזויפיל. דער ליובאוויטשער רבי, זאל ער לאנג לעבן! ער האט אויפגעטון אזויפיל און טוט ווייטער אויף. זיי זאלן ביידע זיין אונזערע רבי'ס ווייל זיי קענען אונז ביידע ברענגען צום באשעפער און דאס איז דער עיקר. נאך אלעם, איז דאס די איינציגסטע סיבה צוליב וואס מיר זענען אנגעזאגט 'עשה לך רב'. דער באשעפער קומט ערשט! קיינמאל זאלסטו נישט פארגעסן אז דער באשעפער קומט ערשט. דו געפינסט זיך אויף די וועלט פאר'ן באשעפער און קיינעם אנדערש.

ווען מיר דערהערן די נקודה, קענען מיר בעסער פארשטיין א שווערע גמרא אין עבודה זרה (יח.-יח:). די גמרא דערציילט אונז דארט די מעשה ווען דער תנא רבי חנינא בן תרדיון איז ארויסגעפירט געווארן צו די הריגה דורך די רוימער, אלס איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. ווערט דארט געפרעגט: וואס האט ער געטון אז עס איז נגזר געווארן דורכ'ן באשעפער צו גע'הרג'ט ווערן מיט אזא שרעקליכן טויט? ענטפערט די גמרא: **משום הוגה את השם** – אין זיין ישיבה, צווישן זיינע תלמידים, האט ער ארויסגעזאגט דעם נאמען פון באשעפער פונקטליך ווי אזוי עס איז געשריבן.

למעשה, איך בין זיכער אז ווען ער האט ארויסגעזאגט דעם באשעפער'ס נאמען האט ער עס געטון מיט דער גרעסטער מאס יראת הכבוד. ער האט עס אודאי געטון מיט א בדחילו ורחימו, אנגעפילט מיט פחד און ליבשאפט. און דערצו אויך בלויז לשם שמים. ער האט דאך געדארפט אויסלערנען דעם סוד דערפון אז עס זאל נישט פארלוירן גיין. בפרט דאן ווען די רוימער האבן אנגעהויבן איינע פון די ערגסטע תקופות פון אונטערדריקונגען אין די היסטאריע, פארמאכנדיג ישיבות און אויס'הרג'נענדיג די חכמים; די סודות פון די תורה וואלטן געקענט פארגעסן ווערן אויף אייביג.

דערפאר האט רבי חנינא בן תרדיון גענומען אויף זיך צו אויסלערנען אין זיין ישיבה פאר זיינע גרויסע תלמידים דעם סוד פון דעם אויבערשטנ'ס נאמען. אבער ווייל ער האט עס געטון אין ישיבה, ער האט עס געזאגט ברבים קעגן אלע זיינע תלמידים, אנשטאט עס צו זאגן בלויז פאר איינעם אדער א קליינע גרופע פון געציילטע תלמידים, איז ער נענש געווארן. פאר אזא גרויסער מענטש ווי רבי חנינא ווערט אזא קליינער חטא גערעכנט ווי א הארבע עבירה אויף וואס עס קומט אזא שווערער עונש.

אבער די גמרא דערציילט אז אויסער וואס רבי חנינא איז גע'הרג'ט געווארן, האבן די רוימער אויך גע'הרג'ט זיין רביצין. פרעגט די גמרא, וואס האט זי געטון אז עס איז זיך איר געקומען אזא שטראף? זי איז דאך נישט געווען אין ישיבה מיט איר מאן און האט נישט עובר געווען אויף דעם זעלבן חטא?

ענטפערט די גמרא, ווייל זי האט זיך נישט קעגנגעשטעלט, זי האט נישט מעורר געווען איר מאן אויף דעם.

אלזא, מיר ווייסן פון א שטארקער כלל, וואס אויב איר ווייסט עס נישט איז יעצט די צייט עס צו לערנען: **אִשָּׁה כְּשֵׁרָה עוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ** – אן ערליכע פרוי טוט דעם רצון פון איר מאן (תנא דבי אלי׳הו ט). אן ערליכע פרוי פראבירט ווי ווייט מעגליך צו פאלגן איר מאן. זי שטרעבט צו מאכן איר מאן פרייליך און מיטארבעטן מיט אים. און דא, כל שכן, וואס איז ערווארטעט פון די ווייב פון רבי חנינא בן תרדיון? אז זי זאל זיך אריינמישן ווען איר מאן געבט איבער א שיעור אין זיין ישיבה?! וואס זאל זי טון? זאל זי אריינקומען אין בית המדרש און זאגן, "חנינא, וואס טוסטו?!" עס איז זיין פסק הלכה, פאר צורך השעה איז עס וויכטיג. נאך אלעם איז ער געווען פון די גדולי הדור, וואס איז שייך געווען זי זאל טון קעגן איר גרויסן מאן?

דער ענטפער איז, מען טאר קיינמאל נישט פארגעסן פון באשעפער! אפילו די ערליכסטע ווייב וואס פארשטייט אז א געטרייע ווייב בייגט איר ווילן פאר דעם רצון פון איר מאן; און אפילו ווען עס קומט צו א גרויסער מאן, א גדול, אבער דאך קומט ער נישט פאר דעם באשעפער! אויב עס זעט אויס אז מ׳קען עפעס פארריכטן, זאלסטו נישט בלייבן שטיל ווייל אפילו דיין מאן׳ס גדלות זאל דיר נישט צוברענגען צו פארגעסן פון באשעפער.

און דערפאר, ווייל זיין ווייב האט גארנישט געטון איז זי אויך באשטראפט געווארן. זי האט געהערט; מ׳האט איר דערציילט וואס עס איז געווען, און זי האט עפעס געדארפט טון דערצו. זי איז געווען א געהויבענע פרוי, נישט קיין פשוט׳ע מענטש, און זי וואלט שוין געקענט אויסארבעטן א וועג ווי אזוי צו מעורר זיין דערויף. זאל דער מאן זיין דער גרעסטער גדול הדור, זאל עס אפילו זיין אברהם אבינו, נישט קיין חילוק, דער באשעפער קומט ערשט.

## חלק ג. דער קעניג קומט ערשט

איינמאל מיר נעמען אריין אין קאפ די נקודה, עפנט עס פאר אונז א נייער הארי׳זאנט אין עבודת ה׳; מען הייבט אן צו פארשטיין אז דער גרעסטער נסיון אויף די וועלט איז צו בלייבן קאנצענטרירט צו טראכטן פון באשעפער, נישט קיין חילוק וואס. פאר אים קומט זיך אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט.

דערפאר רופט דוד המלך אן דעם באשעפער דער **מלך הכבוד** (תהלים כד:ז). וואס מיינט דאס דער קעניג פון כבוד? דער מסילת ישרים ערקלערט אז די גאנצע כבוד געהער בלויז צום באשעפער. אויב געבט מען כבוד פאר איינעם אן רשות פון באשעפער, אדער אפילו אויב ס׳איז מיט זיין רשות אבער מ׳פארגעסט אז מ׳טוט עס ווייל עס איז רצון ה׳, דאן גנב׳ט מען פון באשעפער. אויב מ׳פארגעסט פון דעם מלך הכבוד, פירט מען זיך נישט ריכטיג.

לאמיר זאגן דו גייסט אין בית המדרש אינדערפרי און דא קומט א שיינער איד מיט א לאנגער בארד און פיאות ארויס פון זיין הויז מיט זיין טלית בייטל. אהו! אן ערליכער איד. ווילסטו צוגיין אים ווינטשן א גרויסן שלום עליכם. צו באגריסן א איד איז דאך א גרויסע מצוה!

זאגט דער באשעפער, "געב אכטונג! טו דאס נישט! עס איז א זינד צו גריסן א מענטש פאר׳ן דאווענען." ווערסטו פרעגן, וואס איז אויב דער מענטש וואס איז ארויס פון זיין הויז איז א גרויסער ראש

ישיבה, דאן מוזטו דאך זאגן, "שלום עליכם רבי." דאס איז דא שוין א חשוב'ערער פערזאן. פון מיין שכן קען איך זיך נאך אפהאלטן אים צו באגריסן אבער דאס איז דער ראש ישיבה, א תלמיד חכם, באמת א חשוב'ער מענטש.

אבער ניין! "אויב דו באגריסט איינעם פאר'ן דאווענען – טייל זאגן אז נאר אויב מען זאגט 'שלום עליכם' – איז עס ווי מ'מאכט אים פאר א במה" (ברכות יד.). עס ווערט אויסגעטייטש אויף דעם פסוק: **חִדְלוּ לָכֶם מִן הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ** – האלט זיך אפ פון א מענטש, **כִּי בַמֶּה נֶחְשָׁב** - ווייל וואס איז ער דען? דאס גאנצע וואס ער איז, איז **נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ** – אן אטעם וואס איך האב אריינגעבלאזן אין אים. און איר וועט אים לייגן פאר מיר?!

טייטשט דארט די גמרא: **אַל תִּקְרֵי בַּמֶּה אֶלָּא בָּמָה** – אויב דו באגריסט דעם מענטש וואס איז בלויז **בַּמֶּה**, איז עס ווי דו זאלסט מאכן פון אים א **בָּמָה**. וואס איז א במה? א מזבח נישט אויפ'ן ריכטיג ארט, צום ביישפיל אין דיין הויף אנשטאט אין בית המקדש. א מזבח איז א מצוה, אבער נישט ווען עס איז נישט געבויעט וואו דער באשעפער וויל.

עס איז א גוטע זאך צו באגריסן א איד – א גרויסע מצוה! – אבער דא איז עס נישט אין די ריכטיגע צייט. דו האסט נאכנישט געדאוונט? דאן געב קיינעם נישט קיין ברכה ווייל די ערשטע ברכה אינדערפרי גייט פאר'ן באשעפער. כאטש וואס צו געבן כבוד פאר א איד איז א מצוה, פונדעסטוועגן, נישט אלעמאל געבט דיר דער באשעפער רשות דאס צו טון, וואס דאן איז עס נישט א מצוה. נישט נאר וואס עס איז נישט א מצוה, נאר עס איז א גרויסע עבירה ווייל דאס מיינט אז דו האסט פארגעסן אז דער באשעפער קומט צוערשט.

אפילו ווען מ'האלט נישט פאר'ן דאווענען. שטעל זיך פאר דו גייסט זיך טרעפן מיט דיין מחותן. ער איז געקומען אויף א באזוך פון קאליפארניע, לאמיר זאגן, און דו לויפסט ארויס אים צו געבן א ברייטן שלום עליכם. "אה, ס'איז גוט דיר צו זען נאכאמאל!" אין יענעם מאמענט טראכסטו נאר פון דער מחותן! דאס איז א פראבלעם! ווייל דו פארגעסט פון באשעפער. ער איז דער וואס האט דיר באפוילן צו זיין פריינטליך צו דיין מחותן. דו געבסט כבוד פאר'ן באשעפער ווען דו באגריסט דיין מחותן ווייל דו טוסט זיין רצון.

דו דארפסט טראכטן דערפון, אנדערש וועסטו דורכפאלן! דו ווערסט איבערגענומען פון א בשר ודם און פארגעסט פון באשעפער?! **וְכִי מַקְדִּימִין בִּרְכַּת עֶבֶד לְבִרְכַּת קוֹנוֹ**? האלט דאס אין געדאנק. אפילו ווען דו יאגסט זיך ארויס צו באגריסן דעם גדול הדור וואס קומט אן פון ארץ ישראל און צען טויזנט מענטשן שטייען דארטביים לופט פעלד; דו ביסט שטארק איבערגענומען! פארליר אבער נישט דיין קאפ. דער באשעפער איז דער וועמען דו ביסט געקומען געבן כבוד.

איך וועל געבן נאך א ביישפיל: די תורה זאגט, **כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ**, וואס מיינט אז יעדעס קינד מוז פאלגן זיינע עלטערן; ס'איז א געוואלדיגע מצוה. אויב דיין מאמע זאגט, "חיים, טראג ארויס די מיסט," זאג נישט, "איך וועל עס טון מארגן," אדער "זאל עס א צווייטער טון." דו זאלסט כאפן די מצוה! עס איז פונקט ווי אנטון תפילין. א גלענצנדע געלעגנהייט!

און דאך, הערט וואס די גמרא (בבא מציעא לב) זאגט: **אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ** – האב מורא פאר דיין טאטן און דיין מאמען! און באלד דערויף שטייט, "איך בין דער באשעפער אייער ג-ט" (ויקרא יט:ג). דער באשעפער זאגט, "שטענדיג מאך זיכער צו פאלגן דיין טאטע און דיין מאמע; אבער אויב איז עס עפעס וואס איז קעגן מיין רצון, דאן איז עס נישט קיין מצוה.

וואס לערנען מיר דא? מיר זעען אז די רייד פון די עלטערן איז נישט עפעס א זאך פאר זיך — עס איז בלויז ווייל דער באשעפער האט דיר באפוילן צו פאלגן דיין טאטע און מאמע, דערפאר טוסטו דאס. צוליב דעם, ווען דו געבסט כבוד פאר דיין טאטע און מאמע, זאגט די גמרא (שם.) אז עס איז ווי מ׳געבט כבוד פאר׳ן באשעפער.

און דאס איז דערפאר ווייל אן אמת׳ער עובד ה׳, טוט אלעס לכבודו לבדו, צו געבן כבוד פאר׳ן באשעפער אליין. דער חובת הלבבות, ווען ער רעדט איבער די מעלות פון אן אמת׳ער עובד ה׳ זאגט ער אז די קאנצענטרירונג פון אן עבד ה׳ איז אלעמאל נאר צו געבן כבוד פאר׳ן באשעפער אליין!

אה, אבער עס שטייט **כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ** — דו דארפסט געבן כבוד פאר דיין טאטע און מאמע?! דער ענטפער איז אז דיין מח דארף שטענדיג זיין קאנצענטרירט, דו טוסט עס בלויז ווייל דער באשעפער האט דיר באפוילן זיי צו מכבד זיין. דער באשעפער איז פאר דיר אלעס און דערפאר, ווען דער באשעפער זאגט ׳ניין׳, דאן פארגעס דערפון — עס איז אינגאנצן נישט קיין מצוה זיי צו געבן כבוד.

אט איז א טאטע וועמענ׳ס שפעלע האט אפגענייגט פון די סטאדע און אוועקגעוואנדערט צו דער בית הקברות. זאגט ער פאר זיין זון, ״חיימ׳ל, ביטע לויף צוריקברענגען די שפעלע ווייל איינער קען אונטערקומען און עס גנב׳נען. לויף אריין צום בית הקברות און ברענג אהיים די שפעלע!״

אבער דער זון זאגט, ״איך קען נישט, עס איז אסור פאר א כהן צו אריינגיין אין בית הקברות. ווי אזוי קען איך עס טון?!״ דער טאטע און די מאמע בעטן זיך ביידע ביי אים, ״חיים! אייל זיך צו! די שפעלע וועט גע׳גנב׳ט ווערן!״ אבער דער זון בלייבט שטיין. ער רירט נישט קיין אבר ווייל ער ווייסט אז ״**אני ה׳ אלקיך**!״ נאר דעם באשעפער׳ס רצון אינטערעסירט אים. דער זון קען זאגן אפאר ווערט צו איבערבעטן, ״טאטי, מאמי, אנטשולדיגט,״ אבער סיי וואס איז דער פאל, ער קען נישט גיין.

דערפאר זאגט די תורה אז אויב א טאטע אדער א מאמע פירט זיך נישט על פי תורה, אויב זיי טוען קעגן רצון ה׳, איז נישטא קיין שום חיוב זיי צו מכבד זיין; מיר זענען מכבד עלטערן בלויז ווייל דער באשעפער האט אונז באפוילן דערצו. מיר געבן אים, כביכול, כבוד ווען מיר טוען זיין רצון און זענען מכבד אונזערע עלטערן.

א פרוי האט מיר אמאל אנגערופן און געזאגט אז זי האט א מאמע אינדרויסן פון שטאט און זי איז אן איינציג קינד, האט זי מיר געפרעגט אויב איך האלט אז זי זאל גיין באזוכן איר מאמע. האב איך איר געפרעגט, ״וואספארא סארט לעבן פירט דיין מאמע?״ האט זי מיר געזאגט אז איר מאמע איז פארהייראט צו א גוי (ר״ל). האב איך איר געענטפערט, ״זי איז מער נישט דיין מאמע. דו דארפסט אויסוועלן צווישן דעם באשעפער און דיין מאמע, דו קענסט נישט האבן ביידע.״ ס׳איז נישט קיין גרינגער אויסוואל אבער עס איז נישטא קיין ספק אין דעם.

און אפילו אויב א מאמע איז פרום, זי דינט ערליך דעם באשעפער. אבער צומאל פאסירט אז זי וועט אנרופן איר טאכטער און זיך אפרעדן אויף די שכנה. אה יא, דיין מאמע איז זייער וויכטיג אבער די טאכטער דארף געדענקען אז דער באשעפער קומט ערשט. מען טאר נישט הערן קיין לשון הרע! דו האסט נישט קיין ברירה, דו דארפסט ענדיגן דעם שמועס. ״מאמי, איך דארף גיין; דער קוכן ברענט זיך צו.״ מיט עפעס א תירוץ וועסטו דארפן אויפקומען ווייל דו טראכסט, ׳מיין מאמע איז זייער וויכטיג, אבער באשעפער, דו קומסט ערשט.׳

אין געגנטייל, וואס פאסירט אפט מאל? די טאכטער הערט אויס די גאנצע לשון הרע וואס די מאמע

דערציילט. דאס איז מעשים בכל יום – עס פאסירט יעדן טאג. און דאס איז דערפאר ווייל מיר ווערן אזוי צעטומלט פון מענטשן אז מיר פארגעסן פון באשעפער.

רבי נפתלי אמסטערדאם פלעגט זאגן אויף זיין רבי, הגאון רבי ישראל סאלאנטער ז"ל, אז "ער האט נישט אפגעטון זיין מח פון דינען דעם באשעפער, אפילו ווען ער האט גערעדט מיט מענטשן."

לכאורה, אין ערשטן בליק, וואלטן מיר געזאגט אז ער וואלט געקענט זאגן פיל מער – ער וואלט אפשר געקענט זאגן אז אפילו ווען ער האט געגעסן האט ער נישט פארגעסן פון באשעפער. עסן איז גשמיות; צו טראכטן פון באשעפער בשעת מ'עסט, דאס איז א מדריגה.

אבער רבי נפתלי האט געוואוסט וואס ער זאגט און אויב ער האט אויסגעוועלט צו באטאנען דעם דאזיגן שבח אויף זיין רבי, דאן פארשטייען מיר אז ער האט עס באטראכט ווי א געוואלדיגע זאך אז אפילו ווען מען רעדט מיט א מענטש זאל מען נישט פארגעסן פון באשעפער.

און דאס איז דערפאר ווייל די זאך וואס פארשלעפט א מענטש אממערסטנס, דער וואונדערליכסטער מציאות אין די גאנצע וועלט, איז א בשר ודם. עס איז נישטא נאך עפעס אין די גאנצע וועלט וואס ציט און באאיינדריקט אזוי שטארק ווי א צווייטער מענטש און דערפאר, ווען רבי נפתלי האט געוואלט אויסלויבן זיין רבי הגאון רבי ישראל סאלאנטער האט ער אויסגעוועלט דאס אז ווען רבי ישראל האט געשמועסט מיט אן אנדערן מענטש איז ער דערביי געווען אומשטאנד צו בייקומען די ציאונגס קראפט פון א מענטש און נישט פארגעסן קיין מאמענט אז דער באשעפער הערט און ער איז דער וועמען מען דארף צופרידן שטעלן.

אויב דו האלטסט מיט א שמועס פון דער זייט, קענסטו באמערקן ווי יעדער באטייליגטער ווערט איבערגענומען פון דעם צווייטן און ווי שטארק ער פראבירט אים צו געפעלן. יעדער שמועס, אויב איר באמערקט, איז א פרואוו צו געפינען חן אין די אויגן פון דעם צווייטן. ער שטעלט זיך צו צום צווייטן. ער איז מסכים מיט אים. ער לויבט אים. אודאי ווען דו רעדסט צו איינער וואס איז חשוב'ער, זאל עס טאקע אזוי זיין; דו ווערסט צעלאזט קעגן זיין גרויסקייט. אבער אין א געוויסן זין פאסירט עס ביי יעדן.

באטראכט מענטשן וואס זיצן און רעדן צוזאמען. "יא, יא, יא, יא, יא, יא." יענער קען רעדן נישט גוטע זאכן און דער צווייטער לייגט צו אויל צום פייער! עס קען זיין לשון הרע, ניבול פה, לצנות און נארישקייטן, עס קען זיין סיי וואס און דו שאקלסט צו דיין קאפ ווייל דער באשעפער ליגט נישט ביי דיר אין קאפ. א פרוי גייט און דערציילט פאר אירע שכנים איבער א קריגערייי וואס זי האט געהאט מיט א פארקויפערין אין א געשעפט, און אלע שטייען מיט אנגעשפיצטע אויערן. מענטשן רעדן קעגן זייערע בעלי בתים ביי די ארבעט און אנדערע הערן אויס. דאס איז אלעס ווייל זיי האבן קיינמאל נישט געלערנט דעם לימוד אז דער באשעפער קומט ערשט; דערפאר ווערן זיי איבערגענומען דורך מענטשן ביז זיי פארגעסן פון באשעפער.

דאס איז עפעס וואס יעדער מוז האלטן אין געדאנק שטענדיג. דאס קומענדיגע מאל וואס דו זיצט אויף א באס און דיין גוטער פריינד וואס ארבעט מיט דיר אין זעלבן אפיס דערציילט דיר איבער זיינע רייבערייען מיט'ן באלעבאס ביי די ארבעט און דו ווערסט צוגעצויגן דורך זיין פערזענליכקייט, גלוסט דיר צו זאגן, "יא, יא." ניין! געדענק דעם לימוד: דער באשעפער איז נומער איינס! זאג נישט, "יא, יא." אזוי טוסטו מיטשטימען מיט אים. אפשר איז ער נישט גערעכט! אפשר איז דער באלעבאס גערעכט! צי איז דער ארבעטס געבער אנוועזנד צו קענען אפשלאגן דעם מענטש'ס טענות? אויב נישט, ביסטו א מקבל לשון הרע. דו הערסט צו איין זייט פון די מעשה און דו גיבסט אים גערעכט און מוטיגסט אים. דאס מיינט אז דו האסט אינגאנצן פארגעסן פון באשעפער אונטער'ן איינפלוס פון דעם מענטש.

איז אויב עס איז מעגליך, גארטל זיך אן מיט קוראזש און זאג פאר דער מענטש, "קוק, אפשר ביסטו נישט געווען גערעכט." אדער קענסטו אים זאגן, "קוק, איך בין נישט געווען דערביי איז ווי אזוי קען איך וויסן אויב דיין זייט פון די מעשה איז ריכטיג אדער נישט?" דאס מיינט א מענטש וואס געדענקט דעם באשעפער ווען ער רעדט מיט אנדערע! און אויב דו קענסט דאס נישט זאגן, זענען פארהאן אויך אנדערע וועגן צו לייגן דעם באשעפער צוערשט. גיי אראפ פונעם באס און נעם די קומענדיגע באס. עס קאסט בלויז אפאר פרוטות. דאס איז זייער א גוטער אינוועסטמענט ווייל דאס מיינט אז דו געדענקסט דעם באשעפער. אבער אויב דו וועסט פארגעסן פון באשעפער, אויב דו וועסט באנומען ווערן דורך דעם צווייטן מענטש, מאכסטו זיך אן אסאך פראבלעמען.

אלזא, די נושא איבער וואס מיר האבן דא ארומגערעדט, דאס איז געווען די דעצידירנדע נקודה אין יענעם גורל'דיגן צוזאמטרעף צווישן די צוויי גרויסע מענטשן אויפ'ן פעלד אינדרויסן פון סדום. אויף איין זייט איז געשטאנען דער גרויסער מלכי צדק, דער כהן לקל עליון וועלכער וואלט געקענט זיין דער שטאם פאטער פון דער עם ה'; און קעגן אים איז געשטאנען אברהם אבינו, דער וואס האט צום סוף איבערגענומען די ראלע.

און עס איז געווען אין יענעם מאמענט, ווען די צוויי געהויבענע לייט זענען געשטאנען איינער קעגן דעם אנדערן, וואס די היסטאריע פון די וועלט האט זיך געטוישט אויף אייביג. "געבענטשט איז אברהם," האט מלכי צדק געזאגט אין זיין איבערראשונג איבער דעם גרויסן מענטש אברהם. אברהם איז געשטעלט געווארן צוערשט! און דאן האט ער זיך געכאפט און געזאגט, "און געלויבט איז דער קל עליון וואס האט איבערגעגעבן דיינע פיינט אין דיינע הענט."

דאן האט שם בן נח פארלוירן זיין געלעגנהייט צו זיין דער שטאם פאטער פון דאס פאלק פון כהנים. די נבואה פון נח איז מקוים געווארן; עס איז נאך געבליבן ביי די פאמיליע פון שם, אבער אצינד איז עס באגרעניצט געווארן בלויז צו די זרע אברהם. און מלכי צדק'ס שטאט שלם איז געווארן ירושלים, די צוקומפטיגע שטאט פון אברהם'ס קינדער. דער נאמען 'ירושלים' איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי ווערטער: 'ירו' וואס אין די פארצייטישע כנען'ישע שפראך מיינט עס 'עיר', א שטאט, און 'שלם' מיינט שלימות. 'ירושלים' מיינט 'עיר שלם', די שטאט פון שלימות.

פיל יארן שפעטער האבן אברהם'ס קינדער איינגענומען ארץ כנען און אין די טעג פון דוד המלך האבן זיי אויפגעבויעט ירושלים און עס איז דאן געווארן פיל מער געהויבן אין שלימות ווי עס איז געווען סיי ווען פריער; ווייל אצינד איז עס באזעצט געווארן דורך די זרע אברהם וועלכע מאכן דעם באשעפער קל עליון, ער איז שטענדיג פון אויבן ביים שפיץ פון זייערע געדאנקען.

דערפאר האבן מיר די הבטחה פון דער נביא ישעי' אז איין טאג וועט דאס פאלק וואס זאגט 'ברוך קל עליון' פאר אלעם, ווערן איינגעזאמלט ווידעראמאל צו די שטאט פון שלימות. און דארט וועלן מיר זיך צוריקקערן צו אונזערע אלטע וועגן און גיין אין די פיסטריט פון אברהם אבינו וועלכער האט קיינמאל נישט פארגעסן פון באשעפער: **אַחֲרֵי יִקָּרֵא לָךְ עִיר הַצֶּדֶק** – עס וועט ווידעראמאל גערופן ווערן מיט'ן אלטן נאמען פון עיר הצדק, די שטאט פון רעכטפארכטיגקייט (ישעי' א:כו), ווייל עס איז נישטא עפעס מער רעכטפארכטיג ווי צו געדענקען שטענדיג אז מען שטייט אין אנוועזנהייט פון באשעפער.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

## שאלה:

**אויב א מענטש דארף ארבעטן צו ברענגען פרנסה, וואו קומט אריין דער ענין פון א כולל לעבן?**

## תשובה:

איך וועל ענטפערן אזוי: עס איז אמאל געווען א מענטש דא אין שול וואס האט מיר געזאגט אז ער וויל אויפגעבן זיין ארבעט און ווערן א כולל מאן. אלזא, איך בין אן אלט פארצייטישער ווען עס קומט צו די סארט זאכן, האב איך אים געזאגט, ״וואס דו מיינסט באמת איז די ערשטע האלב. דאס איז וואס דו וואלסט געוואלט טון.״ ער וויל אויפהערן ארבעטן, פינטל.

האב איך אים געזאגט, ״ארבעט ווייטער, געב נישט סתם אזוי אויף, און מיר וועלן מאכן אזוי: יעדן זונטאג זאלסטו ווערן א כולל מאן! יעדן זונטאג אינדערפרי פאק זיך איין א מיטאג און גיי זעץ זיך אריין אין כולל און זאג פאר דיין ווייב אז דו וועסט נישט אהיימקומען ביז זיבן אזייגער ביינאכט.״ און איך האב אים ווייטער געזאגט, ״אויב וועסטו אזוי טון ערליך יעדן וואך, אויב יעדן זונטאג וועסטו זיין א כולל מאן, דאן וועלן מיר רעדן אויך פון מאנטאג.״ און ביי דעם איז עס געבליבן. עס איז נישט געגאנגען ווייטער ווי דאס.

פרנס השבוע לשאלות ותשובות

לע״נ הרה״ח חנוך אלימלך ב״ר יהושע ע״ה

וזו׳ מרת מלכה בת ר׳ שמואל ע״ה